STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02923

LIDER IN HTSOS

Menahem Stern

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מנחם שטערן

לידער
אין
חצות

ניו־יאָרק 1971

אַ וואָרט פון מחבר:

חשוביער לייענער:

די מערסטע פון די 85 לידער וואָס גייען אריין אין בוך „שפיגלען אָפּ — דירעקט אָדער אומדירעקט — די געפילן פון אונדזער שווער־געפּרואווטן דור. די רעשט לידער זיינען איכישע, סוביעקטיווע. איך האָף אַז מיט אַ געפיל פון רוחניות־דיקער צופרידנקייט וועסטו לייענען מיין בוך.

דער בוך לידער איז דערשינען מיט דער הילף פון סטיפּענדיע־פאָנד אויפן נאָמען פון קאַרל ראָטמאַן, ביים אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס.

דער איידעלער העלען ליווי — מיט וואַרעמער דאַנקבאַרקייט.

מיט טיפן צער דערמאָן איך מיינע אומגעבראַכטע קרובים ע״ה און באַזונדערס גאָלדע און לייבל, קרבנות פון די דייטש־נאַציש מערדער און זייערע מיטהעלפערס.

Copyright 1971 by the author:

MENAHEM STERN

255 W. 90 St., Apt. 6C, New York, N. Y. 10024

Printed in the United States of America

נאַכטיקער דיאַלאָג

חצות

ווי קענן שכור׳ס פאַרלאָפּענע אויגן
אַ ציטערדיקער כוס ווײַן אין האַנט, —
ווינקט צו מיר הימל׳ס פולער ראַנד
און לויפט איבער מיט רויט-גליאיקע טראָפּנס.
אין דורשט פון אמונה די ליפּן זיך נויגן
צום צאַנקענדיקן גאָם.
אַ דורות׳דיקע בענקשאַפט רוישט אין מײַן בלוט
און אַ פאַר׳שכור׳טער טרינק איך אָן מאָס. —

◆

אין שפּעטע שעהען

אין שפּעטע, קאַלטע שעהען פון דער נאַכט,
וואָרעם איך די האַלב-געפרוירענע חושים
איבער אַ דײַן פלעמל מוזיק,
וואָס צאַנקט גאָלדיק און בלוי.
אויף דעכער לעשן זיך נעאָנען.
ניו-יאָרקס רעש שטאַרבט אָפּ
ווי אַ ווײַטער, פאַרלאָפענער טײַך.
אַ געזעמל אַלטע, מידע מויערן
קוקט נײַגעריק אין מײַן פענצטער
מיט פאַרגאַפטע שויבן-אויגן.
אין ווינטיקן געמיש פון וואָלקנדלעך ווי צווייגן,
זיצט אַ בלאַסע, פאַרצערטע לבנה,
און וואַכט איבערן אײַנגעשלאָפענעם געשריי
פון אַ שכנס קראַנק קינד.
און איך, ביזן פראָסטיקן פרימאָרגן
וואָרעם די האַלב-געפרוירענע חושים
איבערן דײַנעם פלעמל מוזיק
וואָס טײַלמאָל, אונטערן לאַסט פון דזשאַזיקן טראָמפּייט,
גיט עס ווי צום פאַלן אַ נויג,
נאָר ס׳טראָגט זיך באַלד אַרויפצו געלײַטערט,
און צאַנקט אויפסניי גאָלדיק און בלוי.

נאַכטיקער דיאַלאָג

דאָס גלי־פינטל ביים ראַדיאָס וויזער
האָט אויפגעהעלט קעגן שפּעטער שעה פון נאַכט,
און אַ שטים אין פרעמדער שפּראַך,
האַרט אין קלאַנג, דאָך נאַכטיק־באַנג,
טראָגט זיך פון אימפּעטיקן ווערטער־גאַנג.
די שטים, איך טראַכט, —
קומט פון ערדס וויטן עק,
דאָך אומגעצוימט איר וועג,
פאַר איר שטאָלענע גרענעצן קיין צאָם,
קיין אָפּהאַלט שטורעם אויפן ים.
נאָר אומזיסט כ׳באַמי זיך באַנעמען
האַסטיקן לויף פון רייד,
אין פרעמדע קלאַנגען
געפינען זין און באַשייד.
און איך וואָס וויים וואויל,
ווי אָפט ס׳זיינען פאַרבונדן וואָרט און קויל,
שיק מיין זאָג קעגן שטערנדיקער וויט,
צו פאַרשן ריידס פאַרהוילענעם באַדייט:
— „וואָס איז דיין שליחות, דו ווייטער, אומגעזועענער מאַן?" —
איך פרעג, גלייך מיין וואָרט וואָלט געקענט פליען
איבער ווייטע לענדער און ימען,
איבער בערג, טייכן און מי יודע וועלכער גרענעץ,
זיך צוזאַמענרעדן מיט יענעם וויטן עמעץ
וואָס שטייט ביים זענדער אויף יענער זייט נאַכט ———
— „רעדסט וועגן שלום, אַרבעט און ברויט,
צי פרײידיקסט האַס, חורבן און טויט?!" —

◆

ווי ס׳וואָרט אַ שטערן

ווי ס׳וואָרט אַ שטערן אויף נידערן פון טאָג, —
האָט אין מיר געוואָרט דאָס פאַרשטיקטע, תּפילה׳דיקע וואָרט,
אויף פאַרגיי פון געלאַך און וואָכעדיקן זאָג.
און ווען איינגעהילט האָט שטילקייט דאָס פאַרנאַכטיקע געמיט,
האָט אויפגעצאַנקט אַ ליכטל — דאָס תּפילה׳דיקע ליד.
ווי ביי אַן אָפענעם ספר בין איך געזעסן אין זיין קרייז,
אין מיר געוויגט האָט זיך פרומקייט — דער דורות׳דיקער גרייז.

צו אַ ליד

נאַכט. אַלע מיינע לידער
האָב איך איינגעוויגט אין ווייסער רו.
נאָר איין ליד איז וואַך,
און נעמט מיך דורך מיט ברוגזן אומרו.
כ׳האָב היינט אויסגעשריבן מיינע טרערן
און פאַרגעסן אין אים.
זאָג איך צום ליד: „שלאָף,
רו אויס די וואונדיקע שורות.
באַגינען וועט אונדז אויפוועקן שטאָלענער רויש
פון איוב בשורה׳דיקן טעלעגראַף וואָס ביים הויז״. —

◆

ווי איך

ווי איך צווישן די מעבל־שטיקער פון מיין הויז, —
וואַנדערסט אַרום דורך שלאָפלאָזע נעכט, גאָט,
אַן עלנטער צווישן וואָלקנס און שטערן.
דאַן אַ טריבער, אַ מידער,
קומסטו צוריק פון וואָגל דורך שטערן־שימער,
און ווידער גייסט אַריין אין דיין יחידישן צימער,
וואו מיט טרויריקע פינגער מישסט די בלעטער זכרונות,
און זעצסט זיך אַוועק שרייבן לידער
אויף די בלויע טאָוולען נאַכט.
שרייבסט און מעקסט,
און דערביי פאַרטרינקסט מיט טונקעלן טרויער.
און אַזוי שרייבנדיק, ביזן בלאַסן אָנקום פון באַגינען,
צווייפלסט צי דיין באַשאַף — דאָס לעבן, האָט אַ זינען.

◆

אַ לויב צו אייך

אַ לויב צו אייך — שטילע, פֿאַרטראַכטע רגע׳ס.
כ׳האָב פֿון די רעש׳יקע שעה׳ן אייך אַרויסגעריסן,
ווי אַ פּאַס גרינע ערד אין מיטן שטאָט,
ווי אַ קוועלכל פֿון שטורמישן ים...
און איצט, אין די ד׳ אמות פֿון נאַכטיקן ליד,
וואַכט ציטערדיק איבער אייך מיין געמיט.

אַ לויב צו אייך — רגע׳ס שטילע, סאַמעט־ווייכע,
ווי דאָס געווייד פֿון בלוט אין שפּעטער נאַכט,
ווען זכרונות מיט ליכטיק־שאַרפֿן גלי
הענגען איבער ליד ווי אַן אויסגעשטערנטער הימל.

◆

אין וועג

אַ בלויע נעאָן־סטענגע אויף נאַכטיקן דאַך
צערטלט אוים אַ טאַנץ צום הימל־פּלאַך.
פֿאַרוואונדערט גליווערן שויבן פֿון דאָרפֿישער גאַס,
קעגן צאַפּלענדיקן לויף פֿון בלויען פּאַס.
אויפֿן שיידוועג שרייט אוים די נאַכט פֿון אַ סקריפּיקן שניט,
מיט גליענדיקע וואונדן אין טאָל אַ מורמלענדיקע זי קניט.
אין ווירבל פֿון שטויב דער וועג לויפֿט רעש׳יק,
אַ ווינטיק וואַלקנדל הענגט גרוי און אַשיק.
און ווי אויף בינע אַ טענצערין נעאָן שוועבט און שוועבט,
ראַנדיקע שטיקער טונקל אין בלוי פֿאַרוועבט.

◆

דער אַלטער שרייבטיש

דער אַלטער שרייבטיש, —
בענטשט טרויעריק די לאַסט פון מיינע לידער,
דורך פלאַטער פון פּאַפּיר־זייטלעך
אין בלאָסן באַגינען־ווינטל.

פון זיין מידער, פאַלירטער פלאַך,
צווי ברוינע סענקעס־רינגען, —
דעם פאַרשניטענעם בוימס אויגן,
קוקן מיט וואַרעמען באַדויער
אויף מיינע וואַכע נעכט
ביים גליאיקן שיין פון ליד...
און דערמאָנען מיר אין מיינע יונג־פאַרצערטע טעג. —

◆

אין האָטעל

איבער מיר גליווערט דאָס לעבן אויף פּילפּאַכע שטאָקן.
דער צעשרויפטער ריז נוי־יאָרק רוט אין פענטעס פון שלאָף.
ווי אַ ריטשקעלע צווישן גראַניטענע בערג,
רייסט זיך דורך אַ וואַרעם געוויין פון אַ קינד.

מיר דאַכט אַז ווי יונה'ן דער פיש
האָט מיך איינגעשלונגען דער רויט־ציגלדיקער ריז,
ווען כ'בין געלאָפן פון גאָטס צאָרן אין שרעק
און ניט געפונען קיין בעסערן וועג.
און אַזוי אין ציטער,
זיץ איך אין האָטעל, קעגן דער נאַכטיקער שויב,
און פאַרנעם דאָס געזאַנג אין די טיפן...
און ווי יונה אין פיש'ס טונקעלן אינגעווייד,
איך וואַרט אויף מיין באַשייד. —

◆

אַ מעסער אין דער נאַכט

אין דער נידער פון אַ לבנה׳דיקער נאַכט,
ווי אַ שטיין אויפן באָדן פון אַ טייך,
איז דאָס מעסער געלעגן,
און מיטן שאַרפן קלינג געשניטן
די גאָלדענע שטערן־בליטן
וואָס זיינען געהאָנגען
פון אַ מידן, זומערדיק־רייפן הימל.
און אַזוי ליגנדיק נעבן אַ לבנה־פּאַס,
צעוואַרעמט פון אומגעצוימטע פאַרלאַנגען,
גע׳חלומ׳ט האָט דאָס מעסער־שטאָל
פון האַסטיקן דרוק אין אַ רויבערס האַנט,
און שאַרפן שניט דורך הייסן פלייש,
און צעשראָקענעם, כאָרכלענדיקן קול
פון אַ שפּעטן, טראַגישן פאַרבייגייער
אויף אַ שטילער, זייטיקער גאָס — — —

האָט די לבנה מיט איר רחמנות׳דיקן בליק
די גרויליקע חלומות פון מעסער־קלינג אַרומגענומען,
ווי אַ פויערטע מיט אַ ווייסן רויזנקראַנץ
דעם קאָפּ פון אַ בייזן גאָט...
און קעגן צאַנק פון די סומנע שטערן,
האָט דער מעסער אַ פינטל געטאָן
מיט טויאיקע טרערן. —

◆

ווינטער־נאַכט נעבן אַ וואַלד

די לבנה — דעם בורא׳ס אָפּגעקילטע טרער,
הענגט פון אַ פּראָסטיק־וואָלקנדיקער ברעם,
איינגעפּאַסט אין נאַכטיקן צער׳ס קלעם.
לענגאָוים פאַרלאָפּענעם בליק
פרירט דער ווינטיקער נייג פון צווייגן.
פון אַ צערוישטער אין זומער בעריאָזקע,
הענגען ריטשקעלעך דינעם שווייגן.
דער באַרג־אַראָפּיקער לויף פון נאָדל־ביימלעך
אין שניי־ווייסן פּחד איבער טאָל זיך פאַרהאַלט.
מיט פראָסטיקן גליווער באַגעגנט זיי
לבנה׳דיקער ראַנד פון וואַלד.
אַרומגענומען מיט דערוואַרטונג און נאַכט
שווייגט דער שטומער ריז, דער וואַלד.
זיינע בלאַסע הענט — ראַנדיקע פעלדער שניי,
שפּרייטן זיך בקשה׳דיק קעגן הימלס הילע,
און רגע׳ווייז, גערעגט פון וואַלדס ווינטיקער תפילה,
מישן זיי לאַנגזאַם די ווייסע בלעטער נאַכט. —

◆

פון שויב צו שויב

פון דינעם אָטעם זיינען שויבן,
דין און ציטערדיק די וועלט.
אַ גאָלדענער שפּלינטער שפּרינגט אָפּ פון אויבן,
און אַ פייערדיקער קרייז האָט זיך צעהעלט.

פון שויב צו שויב שפּאַנט גאָט און שפּאַנט,
מיט אַ שאַרפן דימענט אין דער האַנט.
און מיט אַ העלן באַוועג אין דער טונקעלער שעה,
פאַרבעט ער דאָס שטערנליכט וואָס איז גאָר דאָ.

◆

פאַרביי פענסטער־שויבן

פאַרביי סומנע פענסטער-שויבן,
פלאַטערן אומטיקע קלאַנגען-טויבן,
קרייזן אַנטקעגן מיין געזיכט,
ווי זיי וואָלטן געוואַרט
אויף אַ קערנדל ליכט.
נאָר אַן איינציקער קלאַנג
רייסט זיך אָפּ פון דער טשאַטע,
און ווי אַ דרייסטער פויגל
לאָזט זיך אויף אַ שפּאַציר
צו דער זון, — איצט אַ קליין,
צאַרנדיק אויגל.

ווי אַ קינד פאַר אַ פענסטער
פאַרגאַפט פון ליכטשפּיל אויפן שויב,
צום שפּילערס האַנט
האָב איך געפּליסטערט בענטשונג און לויב.
דער שענסטער קלאַנג פון אונטערן צאַרטסטן פינגער,
אָפט וואַנדערט נאָך לויב ווי אַ וואַנדערנדיקער זינגער.

◆

לואיסאָן־סטאַדיום

אונדזערע חלומות ווי בלאַסע קאָלומנעס צום אָוונט זיך ציען,
האַלטן אונטער דעם רויט־צעגליטן הימל אין שקיעה...
זומערדיק־קיל רוישט דער ווינט צום שטייניקן יסוד,
אַרום טורעמען אין נייגער די מויערן פון שטאָט.

ווי ס׳הערט צום עכאָ אין וואַלד אַ פאַרלוירן קינד,
פאַרנעמען מיר דעם דינסטן קלאַנג אויף אָטעם פון ווינט.
באַלד צעשטויבן מיר דעם לויטער פון זילבערנעם גאַס,
אונדזער בלוט רוישט אויף מיט דאַנקבאַרן אַפּלאַז.
און ווי אַ פידלס סטרונע דעם ציטערדיקן געוויין,
טראָגן מיר לאַנג די בענקשאַפט נאָך אַ רעפריין. —

◆

כ׳האָב ליב

כ׳האָב ליב לויטערן קלאַנג אין חצות׳ן שטילע,
ווען אַלע רוישן זיך לעשן מיט די ליכטער
אין די שטיבער אויף מיין גאַס.
דאָס צעהעלטע גלי־פינטל ביים ראַדיאָס וויזער
וואַכט איבער די שפּעטע שטילקייטן פון נאַכט.
פון ערדס וויטן, קרישטאָלענעם טורעם
פליען אָן קאָנטשערטאָ־קלאַנגען אין מיינע ד׳ אמות
וואָס ציטערן אויף אין פיל־פאַרביקע גאַמעס.
פון די שאָטנדיקע ווינקלען ביזן פענסטער־בלוי,
מיין קליינער צימער איז פול מיט זילבער־בליקן
פון שטערן און טראָפּנס טוי. —

אין טונקעלן אינגעווייד פון אַ צוגעשלאָסענער פּיאַנאָ

אין טונקעלן אינגעווייד פון אַ צוגעשלאָסענער פּיאַנע, —
דורך אָוונטיקן טרויער ציטערט אויף אַ שטומע טענה
קעגן דער האַנט וואָס האָט פון די צאַרטע פינגער
די קלאַווישן אָפּגעשיידט,
און זיי פאַרוועבט מיט שטומקייט — דעם באַצווינגער.

נאָר אין גאָלדענע פאַרנאַכטן, ווען דורך דינע עפענונגען
פאַלט אַ פאַרבלאָנדזשעטער שטראַל אויף די שפּין־פאַרוועבטע
קלאַווישן, ווערן זיי ווי אַמאָל אויפגעלעבטע,
און דער אַלטער צודעק זעט יונגע זעאונגען
פון ווייסע פרויען־הענט
און קלאַנגען ציטערנדיקע, העלע,
ווי אין זון זיך צאַפּלענדיקע, גאָלדענע פישלעך
אין אַ שוימיקן שטראָם.
און דער בייזער בליק פון אייזערנעם שלאָס
צעגייט אין זון, —
גלייך ווי פּיאַנאָס פאַרשטיקטער קלאַנגען־גאַס
וואָלט געפלייצט דורכן שטילן, שאָטנדיקן הויז. —

◆

טענה

האָסט די וועלט באַשאַפן מיט אַן אות.
נאָר דער אָוונטיקער קלאַנגען־גאָס
וואָס מענטשלעכע פינגער
אין באַריר מיט פּיאַנאָ־קלאַווישן
האָבן באַשאַפן,
שטייגט איבער אין פאַרביקייט
די שיינקייט פון דיין רעגנבויגן,
די בלויע הייך פון די בערג
וואָס רייסן זיך צום אין־סוף,
און די גרינע טיפקייט פון ים.
אַפילו דיין תהלים׳ל ליגט פאַרשעמט
אין מיין האַנט,
ווען טשאַטעס פּיאַנאָ־קלאַנגען
פליען פאַרביי מיין פענסטער־ראַנד.

◆

פּיאַנאָ־קלאַנגען

די פּיאַנאָ־קלאַנגען קומען צעפליען,
דורך ווינט און טונקל פון נאַכט.
זיי פליען אַן מעלאַנכאָליש־בלוי,
כאָטש אין הימל האָבן שטערן געלאַכט.

דאַן קלאַנגען גילדענע, גרינע, ראָזע,
יאָגן און יאָגן אָן אַ מאָס.
נאָר מיטאַמאָל לאַנגזאַמט פאַרביקער גאַס,
און ס׳פלאַטערן אַריין מיט טענה און געוויין,
קלאַנגען דינע, פאַר׳חלש׳טע, בלאַסע,
ווי צעשלאָגענע יידישע קינדער
אין אַ פּוילישן פּאָגראָם...

די פּיאַנאָ־קלאַנגען קומען צעפליען,
דורך ווינט און טונקל פון נאַכט.
זיי פליען אָן אין אַלע קאָלירן,
און איך ביזן מאָרגן ליג וואַך.

אַ מעשה מיט אַ קלאַנג

אַ מעשה מיט אַ קלאַנג,
און אַ פריילעכן אָרקעסטער.
צווישן קלאַנגען געווען אַליין,
אַן אַ ברודער און אַן אַ שוועסטער.

האָט ער געגעגט צום טראָמפּייט,
אויף די קני געגומען וויינען,
דאָס שפּילן פון מעשענעם טראָמפּייט,
מיט טרויער געוואָלט באַשיינען.

צאָרנט און שאַלט טראָמפּייט,
טראַ־ראַ רוגזה'ט שטאָלציק.
— „ביסט צו טרויעריק פאַר מיין פרייד,
און אין טאַנץ ביסטו האָלציק".

איז ער אַוועק צום באַס,
און זיך גענומען בעטן.
„האָב רחמנות שווערער באַס,
און טו מיך ניט צעטרעטן".

ווינקט דער באַס צום בויגן,
און דער בויגן צוריק צום באַס.
— „ביסט צו ערנסט און צאַרט
פאַרן לוסטיקן דזשאַז".

קומט ער צו פּייקלעך און פּויק,
און צו גאָלדענע קלאַפּערס-טאַצן.
פֿאַרנייגט זיך מיט טרער אין אויג,
ווי אַ בעטלער פֿאַר טיר פֿון פּאַלאַצן.

פּייקלען פּייקלעך אין געלויף,
שמעטערן טאַצן אַראָפּ און אַרויף.
טוק-טוק און צאַפּ-צאַפּ,
בלענדט ליכטיק גאָלדענער קלאַפּ.

בלענדט ליכטיק גאָלדענער בליץ,
און הילכיק דונערט שטאַרקע פּויק.
„דיין צער איז אונדז ניט וויכטיק,
דו קלאַנג מיט טרער אין אויג".

לויפֿט דער קלאַנג, בלאָנדזשעט אום,
דאָ און דאָרט, איין און אוים.
ביז ער פֿאַלט אַנידער שטום,
און ווערט פֿאַרלאָשן — אוים...

◆

תפילה פון אַ רעגן־טראָפּן

נישט ברען מיך מיט דיין פייער־פלאַם,
נישט צעשטער דורך שטורעם־ווינט.
האָסט אַרויפגעברענגט מיך פון ים,
און געהייסן שטילן דעם דורשט פון רינד.

האָסט מיר צוגעזאָגט אַ שטילן ברונעם,
אין אַ גרינעם טאָל איינגעראַמט,
און פאַסטעכער וואָס באַגריסן די רעגן־טראָפּנס
מיט שמחה ניט־געצאַמט.

און די מאָלערישע ראַנדן
פון געבענטשן לאַנד כנען. —
„ועסט באַגרינען די זאַמדן,
ווי איך באַדעקט האָב
דעם מדבר מיט מן".

נישט ברען מיך מיט דיין פייער־פלאַם,
נישט צעשטער דורך שטורעם־ווינט.
האָסט אַרויפגעברענגט מיך פון ים,
און געפּרואווט מיט פייער און ווינט.

האָסט מיך איינגעפּאַסט
אין דיין קאָלירפולער קרוין — דעם רעגנבויגן,
און דעם שיין פון דיינע פינגער
געלאָזט איינזויגן.

איך בין דאָס געציקלטע כתב פון דיין האַנט,
איבער די גיך־געמישטע בלעטער פון בליציקן ליכט.
מיט שמחה טראָג איך דיין פרידלעך וואָרט
אַנטקעגן יעדן געזיכט. —

◆

די פעלדער

די פעלדער זיך בערגלען אין שניי און לבנה־ליכט,
מיר דאכט איך זע ווי ס׳ליגן רייען ביינער.
אויף א שטום ביינער אויף מיין געביין ליגט,
און ווי א צווייג אין ווינט זיך וויגט.

אינדערמיט רויטע שטערן ווי טראָפּנס בלוט,
די ווייסע לבנה שווימט אין טייכן בלוי,
ווי דער שאַרבן פון אַן אומגעקומענעם גאָט,
וואָס צוזאַמען מיט אונדז איז געפאַלן טויט...

◆

איך בין

איך בין ווי די האַרבסטיקע זאַנג
וואָס האָט שניטער און קאָסע
מיט הכנעה׳דיקן נויג אָפּגענאַרט,
און טוליענדיק זיך צו דער ערד,
דעם שניידיקן סוף איבערגעוואַרט,
ווען מעסער האָט פאַרשניטן, פאַרצערט.

דאָס פעלד איז לער. כ׳בין די איינציקע זאַנג,
און דער געוואַי פון ווינט דורך ליידיקייט
איז ווי דורך א געהאָנגענעם אויף א שטאַנג.
אפילו די זון איז מיר א שטער,
און די טויאיקע גוטסקייט — א ביטערע טרער.

◆

וואולקאַן

א

אַ כ׳וויים אַז בטחון איז אַ דינער שיכט,
געוואַרעמט און באַהעלט מיט אמונה׳ס ליכט.
ווי נאָענט פון פרילינגדיקן גראָז
איז דער משחית׳דיקער לאַווע־גאַס,
און אַ גרויזאַמער עדות איז דאָס קראַטער־רייכל
וואָס דערמאָנט אין פאַר׳שרפה׳טן געצעלט און היכל.

ב

מיט טויזנטער וועגן און אומוועגן פון תאוה
רייסט זיך צום אויבערפלאַך קאָכיקע לאַווע
פאַרפלייצן מיין שלוה׳דיקע רו.
ווי נאָר איך שטעל מיינע התלהבות׳דיקע טריט
ברענט קאָכיקער צאָרן און זידט,
און מיין קליינע שפּאַציר־גאַס
פירט צום קראַטער פון האַס.

ג

אַ דורות׳דיקער מאָנסטער אין צעשמאָלצענע קייטן!
וועט דיכטער־קלאָגער דאַרפן אויפסניי באַגלייטן
דעם באַרג־אַראָפּיקן משחית־צעגאַס?
כ׳לעכץ נאָך אַ שיר וועגן פרילינגדיקן גראָז,
„השמים מספרים״־לויב פּליסטערט דאָס מויל,
אפילו פון אַ קווייט וואָס שפּראָצט פונעם קויל.

ד

דער נעכטן גליט נאָך אין חרוב׳ן טאָל,
און שוין רויכערט קראַטער ווידעראַמאָל.
נאָר מיין היינט איז אַ שמחה־וועגטל צווישן מיר און תהום, —
— אַ טונקלגלאָז קעגן בראַנדיקן לאַווע־שטראָם.
וועט דער מאָרגן זיך פיטערן אויפן ראש הפסגה־גראָז,
און בטחון טרינקען פון קוואַליקן תנחומים־כוס,
ווי אַלע מיינע טעג, ווי אַלע מיינע טעג,
אויפן שיפן, וואולקאַנישן וועג. —

פעלד צום אַקער

ביסט ניט קיין מעסער און ניט קיין שווערד,
און מיט מענטשלעך בלוט טוסטו מיך ניט נערן.
וועסט דעריבער ביטער אַקערן מיין ערד,
און מיט דיין מי וועל איך וואַקסן און יערן.

וועסט שניידן מיין באָדן — האַרט און שטייניק,
פון הייסער זון פאַרברענט, פאַרצערט.
וואָרן אַלע מיינע שטיינער זיינען מיט זיך אייניק,
אַז נאָך דיין מי — לעבן ווערט.

און נאָך דיר וועלן קומען טוי און רעגן,
גאָלדענע זאַנגען און בלויע בלומען.
און אַז דער נאַר דער ווינט וועט זיך אויף דיר פרעגן,
וועל איך זיך צעלאַכן און זאָגן: „אומגעקומען!"...

ווי אַמאָל

ווי אַמאָל זעגלסט אויף בלויען הימל-טייך
אין אַ זילבערנעם וואָלקן,
געטריבן דורך זומערדיק-מילדע ווינטלעך.
זעגלסט איבער דער ערד וואָס איז איצט פול
מיט ביינער און סקעלעטן
פון דיינע דערמאָרדעטע קינדער,
גלייך זי וואָלט געווען אויסגעסטראָיעט
מיט גראָז, בלעטער און בלומען,
און גלייך די ריטשקעלעך און טייכן
וואָלטן נישט געיאָמערט אויף די אַלע קדושים
וואָס זיינען אומגעקומען דורך מיתות משונות
אין טרעמבלינקאַ, אוישוויץ און דאַכאַו. —

◆

פּליטים

אין קאַפּעטיריעס קאַלטן ליכט טוליען זיך פּליטים.
אויף נערוועזע ליפּן
צאַנקט גערייד פון טעווטאָנישן געשפּענסט.
מיט פּאַספּאַרישע בליקן
זיי זעען אין העל-באַלויכטענער הויך,
טרעמבלינקעס פּאַרצערנדיקן פלאַם און רויך. —

שפּעט ביינאַכט, איבער נוי-יאָרקס קראַנקע גאַסן,
שלייכן זיי אַהיים אין איינזאַמע צימערן.
דורך לאַנגע שעה'ן ליגן זיי שלאָפלאָז,
רעדן זיך דורך מיט פאַרשניטענע קרובים,
און קריגן מיט געשיכטע און גאָט. —

◆

אויסהאַק פון אַ וואַלד

I

ווי דורך טרוקענע קוסטעס און גראָזן — פלאַמען,
יאָגן זעג און האַק צווישן ביימער־שטאַמען.
— „סכנה!" רופט אויס אַ הויכער בוים,
און פאַלט מיט לעצטן רויש פון תפילה
אויף בינטלעך גראָזן שטילע.
— „סכנה?" — די זעג מיט שפּאָט זינגט,
און צו אַ יונגן בוים גיט אַ בליציקן שפּרינג.
— „סכנה!" — שרייט אַ דעמבע הויך:
— „מ'וויל אונדז פאַרוואַנדלען אין געהילץ און רויך.
ווער אויף געבוי און ווער אויף מאַסט פון אַ שיף,
צי גאָר אַ ברעט פאַר אַ מת אין ערדישער טיף"...
— „נישט גוט"... אין אַ ווייטן עק סוד'ען זיך ביימער
מיט זון־באַלויכטענע קעפּ:
— „אויך אונדז קען דערגרייכן די זעג".
מיט טרויעריקע צווייגן־הענט אַ ווערבע פאַרברעכט:
— „כ'האָב געמיינט אַז אויף לעבן דאָס רעכט
גיט דער צער וואָס איז עכט"...
אַ בעריאָזקע חנ'עוודיק זיך טרייסט:
— „ניט מיר... איך בין נאָך צו יונג.
דער מענטש איז דאָך קלוג און ווייסט".
עטלעכע עלטערע ביימער זיינען מתפּלל.
קעגן טעמפּן זעגן
פאַלן צו וויינע, בעטנדיקע שטימעס.
נאָר ווי דורך טרוקן גראָז אַ ווינט־געטריבענער פלאַם,
יאָגן זעג און האַק פון שטאַם צו שטאַם. —

II

דער פרישער שניט אויף פיענעם מיט ווייסקייט בלענדט, —
שטאַרצן וואָרצלען פון דער ערד — מאָנענדיקע הענט,
אין ברוגזן צער פאַרשטייפט, פאַרקלעמט,
גלייך די ערדישע טיף
וואָלט קענן מענטש און זיין באַשאַף געהייסן די וואָרצלען זיך שטעלן,
קענן כוואַליקן ווייץ וואָס וועט אַרויסזינגען
פון באָדן וואָס איז נאָך פול מיט וויים-שניטיקן ווי,
און קענן שניטערס האַנט ווען לענגאוים פעלדיקן געזאַנג,
וועט זיך שטרעקן נאָך זומערדיקער רייפקייט פון זאַנג.

אַ צעוויגט צינגל גראָז פרעגט צער'יק דעם ווינט:
„פאַרוועו? פאַרוואָס?" דער ווינט פון אויפרעג שטאַמלט...
— „אַלע וואָלדיקע רוישן האָב איך געזאַמלט,
און יעדן בוימיקן נויג און ציטער
פאַרוואַנדלען וועל איך אין שטורעמדיקן געוויטער". —

III

די בליציקע שאַרף פון זעג
שניידט וואָלדיקע ביימער-רייען.
דער אַמאָל זאַמדיק-פריילעכער וועג,
איצט שויבערט אין האַרבסטיקע ווייען.

אויף ערד פאַלט וואָלדס ווייטער צעמאָל.
ווי מיט גאָלע קעפּ געפאַנגענע אין זיץ-פּאָזע
ענגער, שטאַרצן פיענעם אַרויס פון גראָז.

די גראָזן מורמלען אין תפילה'דיקן צעוויג.
וואונדיקע שטאַמען-גופים געבונדענע אין שטריק
ליגן אויף וואָגן צום וואַנדערן גרייט.
ווי אַ רויטע האַק שקיעה-זון באַגלייט.

◆

אַ ליכט אין ווינט

אַמאָל שטיי איך אין יראת הכבוד
פאַרן שטערנדיקן „שויתי״ פון דער נאַכט,
איך זיין טרייער נר תמיד,
און צאַנק פרום אַנטקעגן פלעמלעך־אויגן,
וואָס טריפן ווי איך, אַ טרער נאָך אַ טרער,
און ווערן איינס מיט דער הייליקער רער.

אַמאָל אין אַלייניקן ווינקל, אין שאָטן־הויער,
טו איך צאַנקען אין יאָרצייט־טרויער,
און פאַרנעם דעם פרומען צער פון כמה יאָרן,
וואָס ווייעט פון אַלטן שטענדער און אָרון.

און אַמאָל בין איך אַ ליכט אין ווינט,
— אַ גאָלדענער פאָדעם וואָס לאָזט זיך אוים געשווינד.
אַ ליכט, אַ פלעמל אין עמיצנס האַנט,
און ווי אַ וואַלדיק געפלעכט איז די שאָטן־וואַנט.

און ווי וויים און וואוהין?
דורך ווינט און נאַכט,
האָט דען מיין פלעמל אַ זין?
— אַז צום פאַרגיין בין איך געמאַכט!

ווער קומט אַ צאָרנדיקער אַנטקעגן?
ס'ציט דער שאָטנשטראָם פון אַלע וועגן,
און פאַרוים יאָגט דער ווינט מיט צפון־הויך,
און וויל פאַרוואַנדלען מיין פלעמל אין רויך ———

כ'האָב געמיינט אַז דער מיטן חלום אין אויג,
און אומגעדולדיקע, גיכע טריט,
האָט אַ ליכט־וועג אויסגעטראָטן.
ניט וויים פון העלן מאָרגן־צוויט
האָט אונדז צוגעדעקט דער שאָטן...
און אומזיסט האָט געחלומט מיין קליינער קנויט,
וועגן מאָרגן וואָס העלט און בלויט. ——

◆

טענות

קאַרשנבוים:

וואָס טויגן מיר די זוניקע טעג, די זיסע,
און די קערשן די שוואַרצע און די רויטע,
אַז געבושעוועט האָט אַ ווילדער שטורעם,
און די בעסטע ביימער זיינען די טויטע?

עפּלבוים:

וואָס טויג מיר דער צוויט און דער בלויער פרילינג,
און די זומערדיקע שכרות, די זיסע,
אַז געווילדעוועט האָט די האַק אין גאָרטן,
און די שענסטע צווייגן פאַר'משפּט צו מיתה?

בלומען:

וואָס טויגן אונדז גאָלדענע טעג און ווינטן
מיט שמעטערלינגען אין פלאַטער,
אַז מיט יעדן וועג קומט דער בראָך אַנטקעגן,
און דערציילט פון יסורים און מאַטער? —

אין מיין אַמאָליקער היים

אין מיין אַמאָליקער היים אויף פּוילישער ערד,
מיט בלוי־טאָוולדיקע ספרי תנך און באַגילדטן ש״ס
אין צניעותדיק־שאָטנדיקער שאַנק,
מיט שבתדיקע ליכט אויף אָוונטיק־טרויעריקן פענצטער,
דורך וועלכן גאָט, שטיקער הימל און וואָלקנס
האָבן אַריינגעקוקט און מיטגעדאַוונט
אונדזערע דורכגעווייטיקטע, התלהבותדיקע תפילות, —
— איצט, אין אַ ראַם פון פּאָליאַקישן גלויבן און לויב,
הענגט פרום אַ קרוסיפיקס אויף אַ וואַנט.

ביינאַכט, ווען דאָס קניען און מאָדליען זיך הערט אויף,
און שטילקייט נעמט אַרום דאָס הויז,
וויינט ישו און פאַרצווייפלט ער טראַכט
וועגן די לויטערע מאָרגנס אין נצרת,
און די ווייכע קינדהייט־סטעזשקעס
וואָס האָבן געפירט צום מקדש,
און וועגן זיינע פאַרשניטענע און פאַרוואָגלטע ברידער
וואָס האָבן אַמאָל דאָ געוואוינט אין הויז,
און טריי געדינט דעם בורא עולם
צו וועלכן ער אַליין האָט אַמאָל געדינט,
און וועגן פּאַגאַניש־קריסטלעכן האַס
וואָס צינדט די זיילן פון דער וועלט.

◆

בלינדע ריזן

מיר זיינען בלינדע ריזן.
אין שטומען צער מיר שטייען
ביים פּאַגאַנישן טויער.
מיט לעסטערונג און יובל
רינגלט אַרום פלשתים־מויער.

געפאַנגען אין רינגען
פון פיינטס שכרון געזאַנג,
און געשמיסן מיט זיין שפּאָטיש געלאַך, —
וואַקסט אין אונדז,
בלינדע ריזן, — די מאַכט.

ליד פון בית־עולם בוים

ווי ס׳פליען צו מיר פייגל פאַר אַ גאָס רעגן,
טראָגן זיך קולות פון די בית עולם-שטעגן,
טוליען זיך אין דער געדיכטעניש פון מיין שווייגן,
ביז דער טרויער נעמט דורך מיינע צווייגן.

דעם צער טראָג איך אוים ווי אַ נעסט,
און באַהאַלט אים פון טעג זון-צעגליטע.
ס׳רויטלט זיך האַרבסטיק די בית עולם-ערד,
ווי אויף מידע אַקסלען אין שקיעה אַ מטה...

און ווי אויף אַזשערעס ברעג אַ ווערבע אין טרויער,
פון זען דעם אומרואיקן שאָטן צווישן די וואַסער-ריטער,
מיינע האַרבסטיקע בלעטער רוישן אין באַדויער,
און דער צווייגן-קרוין וויגט זיך מיט ציטער. —

◆

אויפן ראַנד פון דאָרף

אַש-גרויע וואָלקנס און ווינט.
אויף ראַנד פון דאָרף
אַ מענטש העשעט אין די דלאָניעס פון נאַכט.
און דאָס רירנדיקע געוויין,
ווי אַן אַראָפּגעפאַלענער רייטער אויף אַ שטיין
צופוסנס פון זיין דערשטוינט פערד,
בעט זיך אַז די נאַכט זאָל אים אויפכאַפּן
און צעטראָגן איבער דער ערד. —

◆

צום מלך שאול

ווי דו וויל איך זיך אויסטאָן פון געזאָלבטן טרויער,
נאָר ס׳פאָלגט מיר נאָך דער בלוט-רויטער גלבוע,
מיט דער שטומער עדה גבורים,
וואָס ליגן אין פאַרגליווערטן כורעים.

אַ ווי די אַוונטיקע כמאַרעס רויטע
דערמאָנען אין ישראל׳ס טויטע!
און דאָרט וואו רויטער ס׳איז דאָס בלוט, —
מיין זון, דער גוטער יונתן רוט.

אַ גאַנץ לעבן טו איך באַפעלן
די נושאי כלים מיינע,
זיי זאָלן מיך באַפאַלן
מיט שפּיז און קינזשאַלן,
ווי ס׳באַפאַלן רויבער אַן איינזאַמען דורכגייער
אויף אַ וואַלדיקן וועג.
איך טענה אַז מיין האַרץ באַגערט
דעם שניט פון אייגענער שווערד,
און אַז שפּיז-און-פייל די שאַרפע,
זיינען איצט אַ טרייסט ווי אַמאָל דוד׳ס האַרפע. —

נאָר די נושאי כלים
שפּאַנען און שפּאַנען דעם גלבוע-וועג.
אין זייערע הענט בלישטשען קינזשאַלן,
וואָס שפּילן זיך מיט פאַרנאַכטיקע שטראַלן. —

◆

דער מענטש וואָס וויל רעדן מיט גאָט

ווי דאָס וואָרט ביים שטאַמלער אויף די ליפּן,
דורך נעץ פון שטרויכלונגען מוז ער זיך דורכזיפּן,
אין פאַסטעך־אַליינקייט, אינדערמיט פון זאַמד און ווינט,
פאַרגיין וועט לעצטער שפּור פון מענטשישער זינד.

ער וועט גלעטן דעם חלום אויף דער וואָך ווי אין שלאָף,
ווען צום קוואַל פון זעאונגען קומען מחשבות ווי שאָף,
און מיט שטראַליקער בלענדניש אויף דער פרומער וויע,
ציטערן כורעים׳דיק אין דער שעה פון שקיעה.

און ווי אין לעצטן געוויקל דער העכסטער שטעג
פאַלט־צו צום ראש הפסגה־פעלז,
וועט צופאַלן זיין לעצטער טאָג
צו דער זעאונג פון געטלעכן צוזאָג ——

ערשט דאַן קומט גאָט צום פלאַמיקן דאָרן,
און רעדט מיט גוטסקייט און צאָרן. —

◆

פאַרוואַנדל מיך

פאַרוואַנדל מיך אין אַ וואָרצל פון אַ בוים
וואָס פליסטערט זיין תפילה צום תהום,
און וואָס צעפירט די דינע וואָרצלדיקע פינגער
צום שטומען געזאַנג פון פאַרבאָרגענעם קוואַל.
פאַרוואַנדל מיך אין אַ וואָרצל פון אַ בוים
וואָס זינגט שטומערהייט זיין געבעט־ליד
אויך דורכן שטאַם,
וואָס זיין געבעט וואַקסט אַריין אין די הייכן,
נאָר זון און וואָלקן קען ער נישט דערגרייכן.

פאַרוואַנדל מיך אין דער טונקלקייט פון דער ערד.
מיין שטום קול וואָלסטו סיי־ווי דערהערט,
און מיינע בלינדע וואָרצלען־פינגער וועסטו אָנטאַפּן אין געהיים,
דורכן באַריר פון שטיין און ליים,
און דעם קילן קוואַל,
וואָס פונקט ווי איך זינגט ער אוים זיין גלויבן, —
גלויביקער און טיפער,
ווי אויבן דער רעש׳יקער ים.

דאָס לעמפּעלע אויפֿן העכסטן דאַך פֿון שטאָט

דאָס לעמפּעלע אויף העכסטן דאַך פֿון שטאָט,
וואָס וואָרנט מיט רויטן ליכט דעם פּלי־פּילאָט,
אין פֿרומער אַליינקייט אין דער נאַכט אַריין גליט,
ווי אַ נר תּמיד אויף אַ מקום קדוש׳ס סופֿיט.

אויפֿן ראַנד פֿון בלאַסן מילך־וועג
לייכטן לויטער און גרויס
די שטערן אין שעה פֿון חצות.
ווי איבערן שפּיץ פֿון אַ באַרג
הענגט דאָ דער הימל מוראַדיק־נאָענט,
און תּשובהדיקע הרהורים מאָנט. —

פֿרי־באַגינען זאַמלען זיך איבער שטאָטס העכסטן בנין,
אין ווייסע קיטלען — וואָלקנדלעך אַ מנין,
און לייענען שורות בלאַסע שטערן.

◆

איינער וואָס שטייט

איינער וואָס שטייט ווי איך,
פֿאַר דער נאַכטיק־בלויער שויב,
מיט פֿרומער התפּעלות אין בליק,
נאָר אויף אַ ווייט־ווייטן פּלאַנעט,
און זעט אונדזער ערד: —
אַ גליאיק פּינטל וואונדער אין דער ראָם פֿון בלוי,
צי ווי אַן אומרואיק־וואַנדערנדיקע לבֿנה
מיט טרויעריק־קלוגע קנייטשן אויף פֿאַרמעטענעם געזיכט, —
ווייסט ניט אַז מיינע ברידער־מענטשן
גרייטן אומברענג פֿאַר גראָז און בוים, וואָרעם און מענטש ——
אַזאַ איינער לאָזט ניט צו די ציינער פֿון צווייפֿל
וואָס עסן זיין תּמצית פֿון אמונה,
ווי מאָלן די פֿרומע בלעטער פֿון אַ תּהלים׳ל...

◆

תפילה פון אַ פּערל

פאַרזונקען אין תהום ווי מיין שכן דער שטיין,
גליוועֶרט מיין תפילה אין שטומען געוויין.
ווי אַ דינעם שפּרוך צו באַנעמען קוים,
הער איך דעם רויש פון פאַליע און שוים.
שפּאַנט גאָט איבער ים?
איז עס ריזלען פון אַ שיף
וואָס צעגייט ציטערדיק דורך טיף?
דער טראָפּנלויף פון צייט אין אייביקייט רינט,
מיט גאַרניט, גאָרניט באַזינט.

געֿ'חלומ'ט האָב איך — גאָט, — אַז דיין צאָרנדיקער גאַנג
וועט אויפבראַויזן די תהום'יקע טיפן,
און אויפגיין וועל איך אויף רוקן פון פאַליקן געזאַנג,
ווי דער ליכטיקער מאַסט פון שיפן.

און פון תהום'יקער טיף — אויף פלאַך זיך טראָגן,
ווי אַ זאָמען אָדער צווייגל צו די העלע פאַרטאָגן.
און ווי אַ מאַמע אַ קינד וועט מיך פאַרוויגן ים'יקער וועג,
ביז אַרומנעמען וועט דער ווייכער, ערדישער ברעג.

און ווערן ווי אַלץ וואָס וואָרצלט אין ערד און גרינט,
און הערט אויף מיט זומערדיקע בליטן.
מיט ערדיש־רייפן זין וויל איך אויפגיין באַזינט,
און מיטן הארבסטיקן גראָז פאַלן פאַרשניטן. —

◆

צו ברוך שפּינאָזאַ

נעם צונויף די בלישטשעדיקע שפּליטערן אמונה
וואָס האָסט צעזייט אין אומענדלעכן באַשאַף.
מיר איז נמאס דאָס צוגעטיילטע ברעקעלע גאָט.
כ׳בענק נאָכן לעבעדיקן וואונדער פון גלויבן,
נאָכן לויטערן תהילים-געבעט פון אָרעמאַן
ביים חלב-ליכטל אין די שנייאיקע ווינטער-נעכט,
און דעם צניעות׳דיקן געניי פון פרויען-הענט
אויף סאַמעטענע ספר תורה-מאַנטעלעך — —

כ׳האָב פרום נאָכגעפאָלגט דיין אַפּאָסטאָליש וואָרט
פון גלויביקער גאָטלאָזיקייט.
אין אַסקעטיש-קאַלטן היכל פון דיין מחשבה
איצט יובלט אַ היידנישער דור
מיט גרינעם גיפט אין אויגן,
און מיט שגעון פון אויפגעריסענע זונען — —

נעם צונויף די בלישטשעדיקע שפּליטערן אמונה
וואָס האָסט צעזייט אין אומענדלעכן באַשאַף.
כ׳גיי צוריק צום היימישן, יידישן גאָט,
צום טרויעריקן בורא עולם, דעם תחינה׳דיקן טאַטע-האַר,
זיך אויסרעדן פאַר אים אין עת צרה וצער. —

◆

צו אַ מעפּילים־קינד געבוירן אויפן ים

וואַרעמע ווייען שטרעקן זיך צו סטעליע, ווענט...
ווי מיט פיבערדיקע הענט
נעמען אַרום דאָס ניי־געבוירן לעבן,
און מיטן פאַרבאָטענעם ברעג באַהעפטן, פאַרוועבן.
צום ערשטלינג־קול׳כל פון אַ יידיש קינד,
טריי פאַלן צו כוואַליע און ווינט.

דורך קליינעם רונד פון קאַיוטע־שויב,
האָט געגרוישט ווענן מולדת דער וואַסערשטויב.
אויף מאַסטיקער הייך — געפלאַטער פון ווייס־בלוי,
דערציילט האָט פון כנענישער ערד און טוי.

אַרום שיף־בויגן זינגען די כוואַליעס.
אויף יעדן כוואַליע־רוקן אַ שוימיקער שיר המעלות.
און די טונקעלע פאַרהוילענישן פון תהום,
שיקן אַרויף שיר המעלות׳ן מיטן אונטערשטראָם. —

צו אַ שוועסטער אין ישראל

ווי דו האָב איך זיך געשראָקן
פאַר בלאַסע נאָנעס, שוואַרצע גלחים,
און פייערדיקן קרייץ פון דער קאַטעדראַלע.
נאָר דו האָסט אויסגעוויילט דעם קבוץ גלויות
פון ברידער מיט וואונדיקע, הייסע באַגערן.
האָסט דעם קליינעם, שטויביקן טשעמאָדאַן
אַוועקגעשטעלט אויף די זאַמדן פון כנען.
און איך, אין גלות פון האָניק און מילך,
ווי אַמאָל גיי פאַרביי
די אייזערנע, פרומע שטאַכעטן פון שרעק,
וואו אינדערמיט נידעריק-געשניטענעם גראָז,
און זיך מאָדליענדיקע קוסטעס און ביימלעך,
אַרומגענומען מיט רויזן און פסוקים פון רחמים און ליבע,
שטייט ישו און ווינקט מיט מעסערס פון האַס...
ווי טשאַטעס פייגל מיט דער בשורה
פון פרילינג אין די שנאָבלען,
דערזע איך אין דמיון ווייסע וואָלקנס
אין אַ ים פון נגב׳ישן בלוי,
און כ׳דערהער דעם גאולה׳דיקן יידישן שאָס
וואָס קלינגט אַזוי ווייך און צאַרט,
ווי די מעשה פון באַשאַף מיטן כח פון אַן אות. —

◆

קיין תל אביב

(קינדער־מאָטיוו)

אין אַ בריוו־קעסטל אויף אַ רווישיקער גאַס,
אינדערמיט פון האַסטיקן גיי און געאייל,
געלעגן זיינען בריוו ענג־געפּאַקט,
ווי מאַסן פּאַפּירן אָנגעשטאָכן אויף אַ פייל.

„באָסטאָן... נאָרפאָלק... וואַשינגטאָן"...
רופן זיך איבער קולות און נעמען.
„און ווען וועט דער בריוטרעגער קומען
און אונדז פון דאַנען אוועקנעמען?"

שטאַמלט דאָס קאַרטל: „וועגן אַ שטעלע איך פאָר,
אָנקומען אויפן אָרט מוז איך מיט קאַיאָר,
און קלאָר מאַכן דעם באַלעבאָס די שורות זיבן,
וואָס דער אַרויסשיקער האָט אויף מיר געשריבן".

אין אַ ווינקל רעדן צוויי:
— „און מיין ענין איז ביז גאָר פאַרוויקלט,
כאָטש דער כתב איז קלאָר און געציקלט". —
— „און איך פאָר צום פּאַסיפישן ברעג,
פינף טעג וועט דויערן דער וועג". —

און מיטאַמאָל גיט ליכטיקייט אַ פּראַל,
דאָס דעקל פון בריוו־קעסטל
גיט זיך אַ הייב און אַ פאַל.
ס'פלאַטערט אַריין אַ נייער בריוו.

„איך פֿאָר... איך פֿלי קיין תל אביב”...
רופֿט אוים דער נייער איבער יעדנס קאָפּ,
און לאָזט זיך שטיפֿעריש אינדערמיט אראָפּ.
„קיין תל?... תל?”... פֿרעגט אַ שווערער בריוו. —
— „כ'פֿאַרשטיי נישט קיין וואָרט, אַ הערצגליף!”

„וואו איז תל אביב?” פֿרעגט תמימות'דיק־פֿרום
אַ קליין בריוועלע מיט אַ טינט־פֿלעק.
„סאָרי, מיר דאַכט אייער וועג איז קרום”
באַמערקט פֿון קעסטלס צווייטן עק
אַ בלויער באַגריסונגס־בריוו.

„קיין תל אביב, קיין תל אביב”,
זינגט אַלץ פֿריידיק דער נייער בריוו. —

◆

אונדזערע לידער

אונדזערע לידער וואָס האָבן זיך געלאָזט פֿירן
דורך אַ צייכן פֿון וואונדער,
און זיך גענערט
מיט די קלאָרסטע קוועלעכלעך פֿון חלומות,
וועלן ווי די ביינער פֿון די יוצאי מצרים
בלייבן שטעקן אין מדבר פֿון פֿאַרגעסנקייט,
אינדערמיט זאַמדן און שטיינער פֿון גלייכגילט. —

◆

גרויע ערד

די גרויע ערד האָט אומענדלעך לאַנג
דעם בורא׳ס גוטסקייט און צאָרן פאַרנומען.
איצט איז זי אַלט און מיד.
אירע טאָלן און פליינען ליגן צעטראָטן
אונטער די טריט פון דער מענטשלעכער מאָרוויסקע.
מיטן שאַרף פון איר אייגענעם אייזן
ליגט זי צעגראָבן און פאַרוואונדעט.
ווי די לבנה מיטן קראַנקן, ליידיקן שמייכל,
באַגריסט זי נאָכגיביק און מיד
די פריילעך־צעהעלטע שטערן.
ווי פייגל אין וואַנדער נאָך נייע היימען,
לאָזן זיך אַסטראָנאַטן פליען צו וויטע פּלאַנעטן.
די גרויע ערד האָט אומענדלעך לאַנג
דעם בורא׳ס באַשאַף און צעשטערונג אויסגעטראָגן. —

◆

עראָפּלאַן

כאָטש אין פאַרנאַכטיקן רויט די וואָלקנס שפּאַנען מידלעך,
און צו דער זון ווי צו אַ פּאַסטעך זיך לאָזן פרידלעך, —
קרייזט עראָפּלאַן איבער הייזער פון גרויסער שטאָט,
ווי איינצורוימען דעם אָוונט אַ גרויליקן סוד.

אין דער שעה ווען ס׳נידערן לויטערע טראָפּנס טוי,
ווי צו באַפייכטן די לעפצן וואָס אין תפילה׳דיקן אָוונטבלוי, —
רוישט עראָפּלאַן איבער הייזער פון שטאָט,
ווי איינצורוימען דעם אָוונט אַ גרויליקן סוד. —

◆

ווי אַ רינג

ווי אַ רינג פון אַ פאַלנדיקער אַנקער-קייט,
אין צעזונגענעם, ברויזיקן צעפיר,
מיין דמיון איילט צו ים׳ס אינגעוויד,
צום אָפּגרונטס טונקעלן באַריר.

ווי אין פריילעכע שפּרונגען אַ שטיינדל איבער דאַך,
אַזוי פאַל איך דורך זוניק-צעשמייכעלטן פלאַך.
נאָר דאָס שטורעם-געביימשטע לעבן — די קורצע קייט פון שיף,
האַלט מיך צווישן פלאַך און תהומיקער טיף.

◆

רעגן-צייט

גאָט זיצט ביים הימלישן פענסטער,
און מיט ווייסע הענט ווי שניי,
מישט ער צעריסענע שטיקער וואָלקנס,
ווי אַ קינד מיט אַ זילבערנעם לעפל
פיצלעך בלעטער אין אַ גלאָז טיי.
דאַן שפּילט ער זיך מיט די פאַרבן פון רעגנבויגן,
און קוקט צו אונדזער אַלטער, מידער ערד,
מיט בלויע, שטיפעריש-צעשמייכלטע אויגן.

נאָר באַלד ווערט ער ברוגז, פאַרכמאַרעט,
די קופּערנע, שטרענגע באָרד גליאיק-רויט,
און ווי אויף אַ שטיק אָפּגעברענטער חורבה,
זעצט ער זיך אויף אַש-גרויען וואָלקן,
און אויפסניי פאַרטראַכט ער צעשטערונג און טויט. —

◆

די אייביקייט אונטער מיר

די ווינטן וואָס קענען בערג צעדרויבן, —
האָבן פון אַלע עקן וועלט צונויפגעיאָגט מיינע שטויבן,
און מיך פאַרוואַנדלט אין אַ מאָדנעם באַשאַף:
איך בין ניט קיין האָר און ניט קיין שקלאַף.

קען זיין אַז אין בלויע נעכט בין איך אַ יש געוואָרן,
און דעם שטערנדיקן חלום צעשראָקן מיטן ליכט פון מעטעאָרן,
און רויט געפלאַמט אין בראשית׳דיקן אינצעווישן,
געוואָלט ווערן דעם צדיק׳ס שטיין, זיין צוקאָפּנס קישן.

די ערד וואו איך ליג פלאַך און שווער,
איז געוואָרן מיין עדות און שטומער געהער.
נאָר דער ווינט יאָגט און יאָגט נאָך מיינע שטויבן,
און מיט זיין יעדן רים און מיין יעדן ציטער פילט ער זיך דערהויבן.

אַ קריגער האָט אויף מיר געשאַרפט זיין שווערד,
און איז דורכגעריטן אַ האַלבע ערד.
אַן אומגליקלעכער נאָר האָט מיר פאַרטרויט זיין געוויין,
אַ בלינדער האָט געזוכט אַן אָנלען
און געפונען אַ שטרויכלענדיקן שטיין.

צוזאַמען מיטן בלינדן האָב איך געוואָלט פאַלן,
און אָפּגיין מיט מיינע אייגענע, רויטע שטראַלן.

נאָר פאַלן קען איך ניט. איך קען ניט שאַלן
ווי די שטיינער וואָס ליגן ביי פריילעכע קוואַלן
און קוועלן און קוועלן. איך ליג פלאַך און שווער, —
און די אייביקייט אונטער מיר איז מיין שטומער געהער.

◆

ניט פאַראורטייל, גאָט

ניט פאַראורטייל גאָט די שמאָלע, אָרעמע געסלעך אויף ראַנד פון
[שטאָט,

די איינגעבויגענע הייזער מיט פרוכנע ווענט, סקריפּנדיקע טירן,
און פענסטער פאַרצויגענע מיט רויטע פאָרהאַנגען.
ניט צאָרן גאָט אויף די בלאַסע, קראַנקע פרויען וואָס לעבן פון שאַנד.
פאַרשטויסענע לעבן זיי אין עלנט און נויט.
די איינציקע וויכע שטים זיי הערן איז פון ראַדיאָ־קאַסטן.
די שווערע האַנט פון גורל דריקט זיי און לאָזט ניט אָפּ.
האָסט זיי חושים געגעבן און ניט געוויזן דעם וועג,
זיינען די רויטע פייערלעך פון זינד זייער איינציקע פרייד.

◆

די ערד אין בלומענטאָפּ

די ערד אין בלומענטאָפּ וואָס איך באַוואַסער יעדן טאָג,
האָט מיט סומנע זכרונות געטאָן אויף מיר אַ יאָג,
און מיר דערמאָנט אין פעלד, גראָז און שטיין,
אין די ווערבעס ביים וועג געבויגן ווי צום געוויין.
און דערזען האָב איך דעם אַלטן, שמאָלן וועג,
וואָס פירט צום בית־עולם ביים שטעטלס עק.
און באַלד האָט אַ ציטער געטאָן מיט רחמנותדיקן באַנג,
פון אַ צעשריענע מטבע דער צדקה־קלאַנג,
און אָבל׳דיקע רייד האָבן די ליפּן ווי טרערן געבריט,
און זיך פאַרגאַנגען אין גראָזיקן שאָרך פון טריט.

◆

אין פלי

ווי אַ מעסער פעניצט דאָס ברוינע ברויט,
שניידט דער שטאָלענער געדויש דעם אָוונט.
אַ זון־באַגילדטער וואָלקן איז פון שניט געפאַלן טויט,
און אין ווינט־געווירבל געגידערט צום תהום.
ווייס־טרויעריקע וואָלקנדלעך — געקרייזלטע לאַמען,
טוליען זיך אין אַ קרייז, צוזאַמען.
און ווי קינדער אין פלוצעם־באַפאַלענער שרעק,
קוקן זיי פון אַ זייט, פון וועג.
ס׳פלאַטערן בליקן איבער פענסטערלעך, פליגל, —
צווישן הימל און ערד הענגט אַ סודות׳דיקער זיגל.

◆

די זון־רויז

אין קליידער פון אָפּגעטראָגענעם גרין,
שטייט די רייכע בעטלערקע־רויז,
פון גאָלדענעם געשאַנק דעם זין, —
טראַכט און חשבונ׳ט גרויס.
זי ציילט די גאָלדענע בלעטלעך, די טעג,
און די בינען מיט זשומען און פאַרשפּרעכן.
„גאָט״, אַנגסטיק זי בעט,
„נישט לאָז דעם האַרבסט פאַרשוועכן,
מיינע זוניקע, לעצטע טעג״ ——

◆

צו אַן אַסטראָנאַט

דיך האָט אַ פֿייער-שטורעם אָוועקגעטראָגן פֿון ערד, גראָז און זאַנגען,
די נעץ פֿון ציפֿערן האָט דיך ווי אַ הילפֿלאָז פֿליגעלע געפֿאַנגען.
קוים וואָס קען דיך אָניאָגן בלויער פֿויגל פֿון מיין דמיון.
ביסט אַריבער אַלע גרענעצן פֿון מענטשישן באַנעם,
און איצט צאַפּלסט זיך אין קאַלטן ליכט פֿון וויסנשאַפֿטלעכע פֿאַקטן.
ווילסט אַנקערן דיין בענקשאַפֿט אין דינעם סילועט
פֿון זכרונות. רגע׳ווייז העלט אויף דיין מחשבה
קעגן אונדזער אַלטן, גרויען פּלאַנעט,
מיט גאַרונג צום שינדל-דאַך און שטויביקער שוועל,
צו קינד, ווייב, פֿריינט און גאָט,
צום געבלי פֿון גרינעם בלומענטאָפּ
אויף אַ פֿענצטער וואָס איז זוניק-העל ——

קום צוריק ווייטער מאַן! קום!
לאָמיר זיך זעצן אונטערן רויש פֿון אַלטן באַרן-בוים,
זיך צוהערן צום געזאַנג פֿון בלעטער און ווינט,
און לאָמיר פֿאַרגעסן דעם אין-סוף׳יקן רוים.

◆

ווינטער־מאָרגן

ווי אַן אייז־צאַפּן פון שינדלדיקן דאַך,
הענגט דער מאָרגן פאַרן פענסטער, אויפן שליאַך.
קאַלטע, בלישטשענדיקע רגע׳ס לאַנגזאַם טריפן,
און אין פאַלן, —
באַלויכטענע מיט קאַרגע, דינע שטראַלן,
קוקן זיי מיט פרישן, געלייטערטן בליק,
צו דער בלומיק־פּראַסטיקער שויב
געצייכנט מיט אַ קינדס העלן סילועט,
וואָס דערציילט פון שטוביקער וואַרעמקייט
און קינדיש גליק. —

מיט וואַרעמען שריפט שרייבט אַ קוימען
אין מאָרגנס העלע רוימען
וועגן זאַטן סוד פון היים און קיך,
און געזאַנג פון קאָכיקן טיי.
אַ וואָלקנדל אין פּורפּורענעם ליכט
וויגט זיך צופרידן אין ווינט,
און אפשר טראַכט ווי גוט ס׳איז צו זיין,
אין קליינעם שטיבל — אַ קינד.

◆

דאָס ווייסע הויז

דאָס ווייסע הויז פאַרנויגט זיין גרויען קאָפּ, —
די שינדלדיקע, ווינט-געשמיסענע אייבערשטוב,
קעגן דער האַרבסטיק-וואָלקנדיקער נאַכט,
וואָס נידערט איבער וואַלד און שליאַך.

דער קוימען ווינטס אָטעם האַסטיק פאַרציט,
מיט קרומע פּאַסמעס רויכן שרייבט אַ ליד.
די ערד לייענט מיט אויגן — וואַסערדיקע גריבלעך,
מיט געלן שיין לייענען פענסטער פון שטיבער.

מיט דינע פאָרענטשעס-הענט
אָנגעלענט קעגן בלאַס-דערשטוינטע ווענט
קניען אין אָנמאַכט די שוועליקע טרעפּ.
פון פאַרנאַכטס געוועב, —
אַ שמאָלע גאָרטן-סטעזשקע קנוילט זיך אַרויס,
און איילט צו הילף די טרעפּ פון הויז ——

דער ווינט טרייסלט דעם קאַלט-ברוינעם פאַרנאַכט פון צווייגן.
ברייטע שטאַמען וואַקסן אַריין אין גליווער פון שווייגן. —

אַן אַלטער פּעלדז אַנטלויפט

גערטריבן פון דונער און ווינט,
לויפט אַן אַלטער, גרויער פּעלדז,
פון זיין שטענדיקן וואוין־אָרט
אויף שפּיץ באַרג
זיך זוכן אַ נייע היים אין טאָל...
אין האַסטיקן געלויף יאָמערט דער פּעלדז
צו שטיינער און פּעלדזן,
וועלדער און קוואַלן:
— „אויף מיינע אַלטע יאָרן!
אויף מיינע אַלטע יאָרן!" ———
כמאַרעס פאַרלויפן אים דעם וועג,
ציען פייערדיקע בליצן־שווערדן.
בייזע דונערן פאַרהילכן פּעלדזס יאָמער,
ברעקלען די טויזנטער פאַלנדיקע עכאָס...
אויף אָראָפּהענג און ראַנדן
ציטערן אויף די קליינע שטיינער און שטיינדלעך,
און באַגלייטן דעם יאָמערדיקן זקן אין וואַנדער. —

◆

שטיינער

איך האָב ליב שטיינער ביים וועג און אין פעלד,
סיי די וואָס רעבעליש זיך הייבן פון דער ערד,
און אי די וואָס ליגן נידריק און פלאַך.
מיט ליבע גלעט איך זייער גראַניטענע האַרטקייט,
ווי געוועגן וואָלטן זיי אַ לעבעדיקע זאַך.
נאָר היינט וועגן איין שטיין איך טראַכט,
אַ שטיין — לויט מיין דמיון — פון די בלעטער פון תנ״ך,
וואָס נאָכן אָפּקילן זיך פון בורא׳ס יצירה־הויך,
האָט ער גע׳חלומ׳ט פון קינ׳ס רוצח׳ישער האַנט,
און מיט זיין שאַרפן ראַנד
געשפּאָלטן דאָס זינגענדיקע האַרץ פון לויטערן חומש־קוואַל.

אומזיסט דאָס טראַכטן וועלכער ס׳איז דער איינער.
ליגט ער באַהאַלטן אין אַ קופּע פון ברידער־שטיינער?
צי גאָר אַליין אויפן ברעג פון אַ טייכל,
מאָכיק און אומעטיק־פאַרטראַכט,
הערט ער זיך צו צום רויש פון צייט?
איז עס דער וואָס פון גרינעם פעלד ער לאַכט
קעגן דער פריילעך־אויפגייענדיקער זון?
אָדער אַ שולדיקער אין אַ טונקעלער הייל ער ליגט?
און אפשר אַ צעקרישלטער דורך רעגן, זון און צייט,
איצט אין ווינט ווי אַ דינער שטויב זיך וויגט? —

◆

ליד פון אַ טרער

אַ ניט־דערוויינטע רגע נאָך אַ בלוטיקער שלאַכט,
האָט מיך געבוירן קעגן אָנקום פון דער נאַכט.
די שטערן האָבן מיך באַהעלט מיט רויטן צאַנק,
אין טרויער האָבן געדרוישט גראָז און זאַנג.

אין ציטער בין איך געלעגן ביים אויגס ראַנד,
און צוגעזען דעם ווײ פון שלאַכטיקן לאַנד,
און איבער יעדן צעזייטן גליד און ביין,
געוואָלט האָב איך זיך כפל'ען אין אַ שטראָמיק געוויין.

און ציטערנדיק אַזוי האָב איך דערפילט ווי קרובה'ש־נאָענט,
איך בין צום טראָפּן בלוט וואָס די ערד נאָכאַנאַנד מאָנט,
כאָטש באַזונדערע שטראָמען און אין אַ סך פאַרשידן,
אויף טרויעריקער ערד צוזאַמען מיר זידן. —

◆

דער ווינט

דער ווינט וואָס בייטשט אַוויאָנס שטאָלענעם פלאַך,
דערציילט ניט פון צווייגן־געפלעכט און דאָרפישן שינדל־דאַך.
אַן איינזאַמער וואַגלט ער צווישן ים און שטערן,
און נאָר צעריסענע וואָלקנס זיין געוואָי אויסהערן.

ברכה'דיקע זומער־רעגנס טראָגט ער ניט אויף זיינע פליגל,
מיט ווייכע פינגער פאַרקעמט ער ניט סטעזשקעס געלן זאַמד.
אין לבנה'דיקע סעדער גלעט ער ניט בלאַסן חלום פון אַן עפּל,
ווי אַ מאַמעס האַנט דעם קינדס ווייך־צעפּאַליעטן קעפּל.

נאָר אויב ער קען חלומ'ען ווי איך דער נאָר, —
זעט ער זילבערנע טייכן ווייץ אין בלויע ברעגן פון נאַכט,
אַ מורמלענדיקן טעלעגראַף־סלופּ ביים זומערדיקן וועג,
אַ טרויעריק־צעזונגענע סאָסנע אונטער העקערס זעג.

◆

די פריר־שאַנק

מיט בלאַסן בליק קעגן פענסטערס ראַם,
די פריר־שאַנק שטייט אין אָונטיקן גרוי.
אַ פריען שאָטן וואָס דעם אָונט באַגלייט,
זי באַגעגנט מיט געברום פון שטאָלן אינגעווייד.

זי פרירט דעם אָונטס צווישן־שטילקייטן, —
אין גאַס פון ריטמישן געזאַנג לויפן זיי אַפּ.
טעלער רינען איבער מיט בלאַסער קילקייט,
פון קראַן פאַלט סומנע אַ טראָפּן אין טאָפּ.

דער אָונט רוט אויף פריר־שאַנקס בלאַסן ראַנד,
ווי ר׳וואָלט אַרומנעמען דעם גליווער פון זאַטקייט.
די שויב אין קיך־פענסטער שטוינט רויט,
קעגן דער זון וואָס פאַרגייט אין ווייטקייט. —

◆

דעמערונג

ווי נאָך אַ שמחה די ברעקלעך גלאָז
פון אַ צעבראָכענעם כוס,
פינקלען אין פאַרנאַכטיקער שטילקייט די שעה׳ן.
דורך די פענסטער שטראָמט שקיעה׳דיקער גאָס
און רינט אוים
איבערן דיל פון בין השמשות׳דיקן הויז.
אַ טראָפּן פאַלט מיט טרויעריקן פליסק פון קראַן.
אויפן שענקל סוד׳עט זיך אַ טאָפּ מיט אַ פאַן.
און איבער אַ רויטן שטראַלן־פאַס,
ווי אויף עפּל־שאָלעכץ אַ קינד אין גאַס,
גליטשט זיך אוים און פאַלט דער אָונט.

◆

אַ בוים

אַ בוים האָט פון ווינטיקן ברעג
זיך געוואָרפן אין האַרבסטיק־ברויזיקן טייך.
בלעטער און צווייגן שויבערן צעזייט.
אין סומנע, אַנלויפנדיקע וואַסערן
גוססט אויס דער בוים
לעצטע געזעגן־רייד.
דער דאַרער וואָרצלענבונט
— אַ הרוג׳ס בערדל גרוי און רונד —
וויגט זיך אַראָפּ־אַרויף,
צום ריטם פון שטראָמיקן לויף.
מיט קאָכיקן שוים און געזאַנג
באַגלייט כוואַליעס געדראַנג.

אין פחד פאַרנייגן זיך ביימער
אויף וואַלדיקן ראַנד.
יונגע שטאַמען צינדן זיך דין און טרויעריק
אין קאַלטן שיין פון שקיעה־בראַנד,
ווי צו באַלייכטן דעם בר־מנן׳ס לעצטן וועג.

◆

דער דיכטער איז אַוועק

דער דיכטער איז אַוועק אויף זיין אייביקן וועג,
אין גרויען הויז זיצן שבעה די לידער.
סומנע שורות זיי פליסטערן באַנאַנד,
די לידער פון אומגליק און ראַנד.

און אַרום טיש וואו געזעסן איז דיכטער,
און דורך שלאָפלאָזע נעכט געשפונען דעם חלום,
זאַמלען זיך די לידער אין אַ יתום׳דיקן קרייז,
און זאָגן: „עליו השלום״.

◆

דער שטאָלענער פויגל

דער שטאָלענער פויגל רוישט אויס אַ מעטאַלן געזאַנג,
אַ מורמלענדיקע תפילה פון איינטאָניקן קלאַנג
צו דער פריער זון וואָס קלעטערט איבערן באַרג פון דער נאַכט.
די לייכט־צעוויגטע פליגל, — וויאָסלעם געטונקען אין וואָלקן־שוים,
מיט זילבערנעם גלייכגילט טראָגן די לופטשיף דורך רוים,
וואו ס׳וואָגלען בראשית׳דיקע דאַמפן פון בורא׳ס אָפּגעקילטער יצירה.
אַראָפּצו — טונקעלע רעגן־וואָלקנס ווי פּויערים אין גרויע קליידער,
שוועבן ברכה׳דיק איבער ערדס גרין און בליטן,
נייגעריק פאַררייסן קעפּ צום פליענדיקן וואונדער אין זון צעגליטן.
אַ משונה־פאַרמיק וואָלקנדל שווימט אָן מיט בלויען בליץ,
צינדט אָן בלאַסן שמייכל אויף פליגל־שפּיץ,
און ווירבלדיק יאָגט נאָך — אַ זילבערנער רודער — — —

ביינאַכט וועלן פייערדיקע שפּליטערן מעטעאָרן, —
איבערן טאָוול פון אַ ברוגז־שוואַרצן הימל,
אין גליענדיקער שריפט אויסלייגן זייער צאָרן,
קעגן דער געוואַגטקייט פון מענטשלעכן באַשאַף — — —

◆

מאַמע־באַרג

אַ מאַמע־באַרג דריקט צו זיך אַ קינד, —
— אַ רונדן, ווייס־פריילעכן פעלדז,
און פאַרוויגט אים מיטן רויש פון פעלדער און וועלדער.
מיט בענקנדיקע, בלויע אויגן־קוועלעכלעך
קוקט זי אַראָפּ אין ווייטן, מאַלערישן טאָל,
וואו אויפן ברעג פון יאָגנדיקן טייך
וואוינען אירע צעלאָפּענע, אָפּגעפרעמדטע קינדער,
שטיינער און פעלדזן. —

◆

דורך אַוויאָן־פענסטערל

געטריבן פון ווינט, —
אַ ווייסער וואָלקן ווי אַ צעווילדעטע קו
וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון שטריק,
יאָגט איבער בלויען הימל פעלד
מיט צוויי קרומע, אָנגעשפּיזטע הערנער
קעגן דער רויט־מערב׳דיקער זון.
און נאָך איר, —
אַ קליין, צאַרט וואָלקנדל ווי אַ קעלבל,
מיט אַ באַנד גאָלדענע זון
אויף דינעם האַלדז,
און מיט אויגן־לעכער פול מיט שרעק,
שפּרינגט נאָך אויף לאַנגע, אומגעלומפּערטע פיס ———

און אַט פאַלן זיי ביידע,
און בלייבן ליגן ביים זונס ראַנד
ווי לאַנגע, רויטע גלאָווניעס
וואָס זיינען פאַרבליבן נאָך אַ פאַרברענטער כאַטע־וואַנט
אין אַ דאָרפישער שריפה. —

◆

אין אַ קליינעם קוימען־שטיבל

(קינדער־מאָטיוו)

אין אַ קליינעם קוימען־שטיבל,
מיט אַ פענסטערל צום הימל,
וואוינט גרויע מאַמע־רויך
מיט פונקען־קינדערלעך אַ סך.

זאָגט גרויע מאַמע־רויך:
„איר זייט גאָלדענע פונקען
פון בעקערס אויוון־פלאַם,
אַלע קוימענס פון שטאָט,
באַוואונדערן חשוב׳ן שטאַם.

ניט שוועבט צו הויך,
ניט יאָגט זיך נאָכן ווינט...
טוליעט זיך צו טאַטע־פלאַם,
האַלט זיך נעבן מאַמע־רויך״...

אַזוי רעדט מאַמע־רויך
אין ענגער קוימען־ראַם.
איבער פענסטערל דער ווינט
קעמט וואָלקנדל מיט אַ קאַם. —

◆

דאָס וואָרט

ווי דער מדבר־פּעלז ביים וועג האָב איך געוואַרט
אויפן וואָרט וואָס איז מאָנענדיק דאָך צאַרט.
די שלאַנקע פּאַלמעס — מיינע יונג־זומערדיקע טעג,
האָבן פליסטערנדיק גערוישט וועגן וואַנדער־וועג.
אַ בלאַט מיט אַ בלאַט האָט דער ווינט איבער מיר געפּאָרט,
כ׳זאָל קענען חלומ׳ען פון קיל־שאָטנדיקן וואָרט,
און דעם וואַנדערערס פאָרויסלויפער — אַ וואָלקן שטויב,
איז אויפגעגאַנגען אין מאָרגן־העלקייט מיטן וואַנדערערס לויב.
און ווי באַריר פון פריש־גרינעם זאַנג,
האָט געצערטלט מיין דמיון וואַנדערערס קלאַנג,
און צו באַגעגענען זיין וואָרט מיט לויטערן ליד,
האָט אויפגעטויכט קוואַליק מיין וואָרט אין געמיט.
נאָר שטאָט פון פריינטלעכן מויל מאָנענדיקער זאָג,
געשלאָגן האָט מיך מיט האַסטיקע שלעג דער שטאָק...
און דער ערשטער וויי פון צעברעקלטער שטומקייט־שאָל,
ווידערט אין מיר נאָך היינט מיט יענעם שניידיקן ווידערקול.

◆

מיין אַלטער ראַדיאָ

אין די אוונטן הערט אויף מיין ראַדיאָ
מיט קאַרגע פֿייערלעך לעבן.
און שוין יאָגן אָן פֿון אַלע וועלט־טיילן,
הייסע, בארעדעוודיקע געסט,
בולעטינען, אַנאָנסן, מוזיק־פּראָגראַמען,
זיך נאָכפּרעגן וועגן זיין שוואַכן געזונט,
די סיבה פֿון שווייגן אַ גאַנצן טאָג.
ווי אַ טאָפּ מיט קאָכיקע בולבעס,
אַ חשוב׳ער טאָפּ אַרומגענומען
מיט הונגעריקע בליקן פֿון הויזגעזינט,
ברומט און רוישט פריידיק מיין ראַדיאָ.
קלאַנגען און ווערטער אין פֿאַרשידענע לשונות
יאָגן, פֿאַלן, טומלען,
שלאָגן זיך אָן איינער אין אַנדערן,
און אַמאָל לויפֿן זיי איבער מיט הייסן צאָרן,
מיט שומיק־קאָכיקער נייעס
פֿון אַ וועלט־אומגליק. —

◆

די שער דערציילט

כ׳געדענק נאָך גוט דיין מאַמעס טרער,
דעם פינטל מיטן שוואַכן אויג,
דעם פלעמלם צאַנק און נויג,
די לאַנגע נעכט אין געניי,
דעם ציטער פון פענסטערל אין זאַוויי.
דער מאַמעס העלער זאָג און זינג,
דעם זייגערס לויטערער קלינג
וואָס מעלאָדיש פאַלט קעגן דיל,
און פאַרגייט אין דער שטיל.
כ׳געדענק: אויף מאַמעס מידער האַנט
שוין שפרייט זיך טאָגס געוואַנט,
און דאָס נאָדעלע דורך געוועב פליט,
און ווייסע מאָרגן־פעדעם ציט.
און איך, די שער אויפן טיש,
מיט שאַרפן צוויי — אומגעדולדיקע זינגער,
וואַרט אויף וואַרעמען נעם פון פינגער ———

◆

צוויי פליגן

אָוונט. דער צימער טונקל און קאַלט.
פון אַ ווינקל קריכט שאָטן ווי אַ שפין...
כאָטש אַ פליגס לעבן האָט דאָ קיין זין,
צוויי פליגן צירקלען מיט שוואַכן רויש
אַרום אַ פיצעלע פלאַם וואָס אויפן טיש
און וואַרעמען די מידע פליגל.
— „כ׳קען נישט מער... כ׳בין צו שוואַך...
כ׳וועל קיינמאָל נישט דערזען
טאָגס גאָלדענעם פאַס אויפן שויב".
און די קליינע פליג גיט אַ פאַרצווייפלטן מאַך
מיטן קעפל און בלייבט ליגן.
נאָר די גרויסע פון די צוויי פליגן
זשומעט: „גלויבן! גלויבן און פרייד,
און דאָס קרייזן אַרום פיצעלע קנויט,
וועט ראַטעווען פון קעלט און טויט". —

שפּיטאָל

אין בלייכן אָונט-געבעט
ליגט דער ווייכער געוועב פון רו.
די וואונדיקע שעה'ן זיינען שוין איינגעשטילט.
מיט שטראַליקער טראַנספוזיע רויטלט זיך די שעה.
איבער יעדן בעט די שקיעה — אַ רויזן-געציר,
אַ דינער שטראַל נאָדלט דעם טונקל ביים טיר.
געפּליסטער אויף לעפצן איז לויביק און העל,
ווען אָונטיקע שטילקייט פלאַטערט אַריין איבערן שוועל.

אין אַ ווינקל אַ לעבן צאַנקט און פאַרגייט.
ווי טראָפּנס פון אַ דאַך הענגען רייד,
ישוב'ן זיך אַ רגע מיט אייגענעם געצאַפּל.
מיט פאַרגייענדיקן טאָג נעמט זיך וועבן
דער פאַרביקער משל פון לעבן
און לייזט זיך אויף אין טונקעלן באַשייד.
און ווי אַן אַלטע מאַמע זיך וויגט אין צער,
וויגט זיך דער אָונט איבער בעט און גוף. —

◆

אַ סטאַרע שאָף

דורך שמאָלע געסלעך פון גרויער פאַרשטאָט,
מיט ווינטיקן שויבער אין קרייזלדיקן וואָל, —
אַ סטאַדע שאָף צום שלאַכטהויז גייט,
פונעם האַרבסטיק־קאַלטן, שטויביקן טאָל.

צעשראָקענע שיקן זיי פאָרויס מטושטש׳ע בליקן,
ווי העלדזער געשטרעקטע אונטער שאַרף פון האַק.
מיט ציטערדיקע טריט גייען די שאָף קעגן שקיעה־רויט,
און אפשר טראַכטן זיי ווי מענטשן וועגן טויט?

דורך געסלעך־קנויל, רויך און שטויב,
דער וועג פירט צום סומנעם, רויטציגלדיקן בנין
מיט שאַרפן מעסער און ברודנער, זון־צעגליטער שויב;
שטומע פון פחד בלייבן די שעפעלעך דאָרט שטיין.
צום ערשטן מאָל פאַרנעמען זיי גערוך פון בלוט,
און ציטערדיקן שניט פון שאָפענעם געוויין.

אפילו קיין גאָט האָבן זיי ניט.
פאַר ווענמען באַשירעם״, „ניט פאַרלאָז״
פאַלן צו מיט תחנונים־בוק
אין פאַרלעצטן גסיסה־צוק.
מיט צעשראָקענע, קראַנקע אויגן די שאָף גאָפן אין ווייט,
אויף ראָסטיקע בערגלעך הייזער, שיינענדיקע טעמפלען־דעכער,
ביז רויטער טייך פון טויט כאַפּט זיי אונטער
און טראָגט זיי אַוועק אין אייביקייט.

◆

נעקראָלאָג

אינדערמיט פון אַ טונקעלער ציַיטונגס-ראַם
טרויערן אַבל׳דיק-פרום די ווערטער.
די קעפּ פון ו׳ און ז׳ נייגן זיך אין יאוש.
מיט שמאָלע עמודים זיך לאָזן
הונדערטער קליינע אותיות און ווערטער
צו דער טונקל-געדיכטער ראַם
מנחם אבל זיין די גרויסע, פאַר׳צער׳טע שכנים.
די ראַנדיקע פּאַסן ווייס
זעען אוים ווי שטעזשקעס קאַלטער שניי
אין אַ בית-עולם, ווינטער-צייט.

◆

צו ישו

אין אַלע לענדער פון דער זינדיקער ערד,
זע איך דיך זון פון מיין פאָלק,
מיטן בליק פון רחמנות און פאַרגעבן,
אינדערמיט פון לויב און שטילע בלומען,
געשניטענע מיט דער פרומער שווערד,
דערזעלבער וואָס שניידט דיינע ברידער.

אין אַלע לענדער פון דער זינדיקער וועלט,
קלינגען די גלאָקן מיט באַנגיקן קלאַנג,
און אונדז, דעם גליל׳ישן ברודער-שטאַם,
נאָגלט און האַמערט רציחה אַף שטאַנג. —

אָ, שטומען זאָל זייער לויב!
ניט דערגרייכן זאָל לויב
פון די, וואָס פּיטערן דיין נאָמען
אויף אונדזערע פעלדער פון אומגליק. —

◆

די פרוי מיטן בלויען געבעט־ביכל

א צלמ׳ל לייכט אויף אין איר בליק,
און דער פרומער התלהבות,
ווי א קירכע־גלאָק צעוויגט פון שטריק,
האָט צו די הימלען זיך געריסן מיט דאַנק און לויב.
אין געדראַנג פון אַרומיקן קלאַנגען־שפּליטער,
פון גרויס־שטאָטישן גאַסן־ראַג,
האָט איר שטים זיך געשיפט אַ וועג ווי דורך געזאַנגס
קירכע־פּאַליע דעם כומר׳ס שטים אין אַ זונטיקדיקן טאָג.
אַ בלוי געבעט־ביכל אין איר בלייכער האַנט,
אויפן קאָפּ טאָגס בלאַסער געצאַנק,
ווי אַ געלער אָפּשיין פון פּראָצעסיע־ליכט
אויף אַ סטאַטוע אין דער נישע פון אַ קאַטעדראַלע־וואַנט, —
וועגן ליבע צום שכן האָט זי געפּרעפּלט צום המון,
און געמאָלן דעם צוזאָג פון גן עדן־לוין.
נאָר ווען זי האָט דערמאָנט דעם „אייביקן וואַנדערער — דעם ייד״,
האָט דאָס צלמ׳ל אין אירע אויגן זיך בייז צעגליט,
און דאָס פּנים האָט צאָרנדיק־רויט אויפגעפלאַמט.
און קוקנדיק מיט מיין דערשראָקענעם יידישן בליק
אויף איר אַסקעטיש־בלייכער האַנט מיטן בלויען געבעט־ביכל,
האָב איך זיך דערמאָנט אין אַ קינדס קרעמאַטאָריע־שיכל,
וואָס האָט פון דער הייך פון אַ חורבה׳דיקן באַרג
מיט פאַררויסענעם שפּיץ צום הימלס רויטן קאַרק
געטייטלט, ווי ר׳וואָלט געמאָנט דאָס פּיסל פון פאַרברענטן שטיפער —
און מיט יידישן פּחד האָט אין מיר דאָס האַרץ געטאָן אַ ציטער,
ווי אַ פויגל אין אַ נעסט אין צייט פון געוויטער,
ווען אַ בליץ שניידט פאַרביי דעם שטאָם.

◆

אַ משפּט

לענגאוים שאַטנדיקע צלמים אויף וועגן,
און שווערע, שרעקנדיקע קירכעס,
גיי איך דיר אַנטקעגן, ישו.
ניט מיט פּרעפּל פון פרומע רייד אויף ליפּן,
און ניט מיט דיאַלאָגס מעקער
אָפּצואווישן דעם שווארצן חשבון
פון ברענער, שעכטער און העקער, —
איך קום.
די בלעטער פון געשיכטע זיך צינדן
אין אַטאָמישן פייערזייל. ס'איז שפּעט.
איך אייל זיך. כ'וויל מיט דיר האָבן אַ משפּט, —
ישו פון בית לחם, ירושלים און גליל.

◆

צו אַ וויטן ברודער

אָרעמער גליל'ישער ברודער, —
אַ געפאַנגענער ליגסט אין גיפטיקע הערצער.
דיך וואַשן כוואַליעס האַס דורך יאָרהונדערטער.
אין דיר שלאָגט זיך אָן דאָס געפּויק
פון כומר'ס העצערישע דרשות.

ליגסט אין טונקעלן קלעם פון געשיכטע
ווי יונה אין בויך פון פיש.
נאָר יונה'ן האָט אויסגעשפּיגן דער פיש
נאָך דריי נעכט און טעג,
און דו פאַרבלייבסט אַזוי אַ געפאַנגענער
ביז וועלטס עק. —

◆

זון־פאַרגאַנג

די לויטערקייט פון זון־פאַרגאַנג האָט איבער מיר געגנידערט
אין סנה׳איקן פלאַם דעם קלאָרן.
אַלע פאַרהוילענע אין מיר ווערטער
האָבן קענגן דער באַצווינגערין־שטומקייט געווידערט,
און זיך געלאָזט אויף לעצטע שפּאַצירן
מיט די העלע אונטערגאַנג־קאָלירן.

◆

אַ פלאַש אויף דער ערד

פאַר אַ צעהעלטער שענק־טיר
ליגט אַ ליידיקע פלאַש.
דער דינער האַלדז — אין גילדענעם פּאַפּיר.
די פרייילעכע בליצן פון זאַטע אויגן מיידן זי אויס,
נאָר די שכור׳ע, וואַקלענדיקע פּיס פון געסט
וואָס טאַפּטשען אין גענום ווי אין אַ זומפּ,
שטויסן זי אַהין און אַהער,
צוריק און פאָרויס.
די פלאַש וויל אַנטלויפן, אַנטרינען,
צום קילן ראַנד
פון דער שאָטנדיקער מויער־וואַנט,
נאָר איז מיד פון שטויסעריי און שכור׳ן געלאַך.
אַ צאָרנדיקע לויפט זי אין אַ ראָד
און שניידט דעם אָרום מיט דינעם געשריי:
„אוי וויי! אוי וויי!
מיט רגע׳ם צוריק
בין איך געשטאַנען אויף אייער טיש
און מיט ווייַן דעם לוסט
פון אייער גומען געקילט״. — —

◆

װעגן אַ נײַ ליד

װי איבער פֿײגל מיט פֿליגל ניט פֿאַרשװירן,
װאַך איך איבער װערטער
זײ זאָלן ניט װערן פֿאַרלוירן.
נאָר הײַנט, גאָט, בין איך מיד
פֿון פּאַטעטישן לאַמפּ װאָס האָסט מיר געשאָנקען,
מיט װעלכן איך זוך דאָס װאָרט פֿאַרן נײַעם ליד
אינדערמיט טונקעלע שאָטנס
מיט װעלכע דאָס האַרטע לעבן נעמט אונדז אַרום.
איך בין מיד, גאָט, פֿון דער פּען און פּאַפּיר,
און פֿון פּאַטעטישע מחשבות
װאָס טראָגן זיך װי מלאכים אויף ליטער־שטאַפּלען.
אַ געפֿאַנגענער פֿון צײַט און שטאָט,
בענק איך נאָכן װאַונדער
פֿון דײַן אומענדלעכן באַשאַף אין פֿעלד, גאָרטן און װאַלד,
װאָס איז אײביק־שײן און דאָך אַזױ פּשוט,
װי גראָז, בלעטער, רעגן און טױ. —

◆

אינהאַלט:

ערשטער טייל — נאַכטיקער דיאַלאָג

חצות 3
אין שפּעטע שעה׳ן 3
נאַכטיקער דיאַלאָג 4
צו אַ ליד 5
ווי ס׳וואַרט אַ שטערן 4
ווי איך 5
אַ לויב צו איך 6
אין וועג 6
דער אַלטער שרייבטיש 7
אין האָטעל 7
אַ מעסער אין דער נאַכט 8
ווינטער־נאַכט נעבן אַ וואַלד 9
פון שויב צו שויב 9
פאַרביי פענסטער־שויבן 10
לואיסאָן־סטאַדיום 11
כ׳האָב ליב 11
אין טונקעלן איינגעווייד פון אַ פּיאַנאָ 12
טענה 13
פּיאַנאָ־קלאַנגען 13
אַ מעשה מיט אַ קלאַנג 14

צווייטער טייל — חורבן, יאוש, גאולה

תפילה פון אַ רעגן־טראָפּן 16
די פעלדער 17
איך בין 17
וואולקאַן 18
פעלד צום אַקער 19
ווי אַמאָל 20
פּליטים 20
אויסהאַק פון אַ וואַלד I 21
״ ״ ״ ״ II 22
״ ״ ״ ״ III 22
ליכט אין ווינט 23
טענות 24
אין מיין אַמאָליקער היים 25
בלינדע ריזן 25
ליד פון בית עולם בוים 26
אויף ראַנד פון דאָרף 26
צום מלך שאול 27
פאַרוואַנדל מיך 28
דער מענטש וואָס וויל רעדן מיט גאָט 29
דאָס לעמפּעלע אויף העכסטן דאַך פון שטאָט 30
איינער וואָס שטייט 30
תפילה פון אַ פּערל 31
צו ברוך שפּינאָזאַ 32

צו אַ מעפּילים־קינד געבוירן אויפֿן ים 33
צו אַ שוועסטער אין ישראל 34
קיין תּל אָבֿיבֿ 35
אונדזערע לידער 36

דריטער טייל — גרויע ערד

די גרויע ערד 37
עראָפּלאַן 37
ווי אַ רינג 38
רעגן־צייט 38
די אײביקייט אונטער מיר 39
בית פּאַראורטייל, גאָט 40
די ערד אין בלומענטאָפּ 40
אין פּלי 41
די זון־רויז 41
צו אַן אַסטראָנאַט 42
ווינטער־מאָרגן 43
דאָס ווײַסע הויז 44
אַן אַלטער פעלדז אַנטלויפט 45
שטיינער 46
ליד פון אַ טרער 47
דער ווינט 47
די פּריר־שאַנק 48
דעמערונג 48
אַ בוים 49
דער דיכטער איז אַוועק 49
דער שטאָלענער פויגל 50
מאַמע־באַרג 50
דורך אַוויאָן־פענסטערל 51
אין אַ קליינעם קוימען־שטיבל 52
דאָס וואָרט 53
מײַן אַלטער ראַדיאָ 54
די שער דערציילט 55
צוויי פליגן 55
שפּיטאָל 56
אַ סטאַדע שאָף 57
נעקראָלאָג 58
צו ישו 58
די פּרוי מיטן בלויען געבעט־ביכל 59
אַ משפּט 60
צו אַ ווייטן ברודער 60
זון־פאַרגאַנג 61
אַ פלאַש אויף דער ערד 61
וועגן אַ ניי ליד 62